ספר

# מאירת חיים

## חלק ה' מספר מצות סת"ם השלם

## דיניו ומנהגיו

והוא לקוטי דינים היותר נחוצים לכל הנוגע לטבילת גברא, ובפרט לשוחטים וסופרים.

בס"ד

**...טוב מבנים ומבנות שם עולם אתן לו...**

(ישעי' נ"ה ז')

הספר הנוכחי מאירת חיים

יצא לאור בסיוע ובעזר העסקן הנפלא ראש וראשון לכל דבר שבקדושה רודף צדקה וחסד וכו'

מוהר"ר ישראל משה לעבאוויטש נ"י

בן מוהר"ר מאיר ז"ל

מוקדש לע"נ

אביו מאיר בן ישראל לעבאוטיש ז"ל

נפטר כ"ב אייר תשל"ו.

ולע"נ

אביו ר' ישראל בן אבא יושע נפ' י"ב סיון ש"ד הי"ד, אמו חנה ב"ר אברהם נפ' ר"ח תמוז תרע"ט ובניהם אסתר, רויזא, אברהם, אבא יושע נפ' י"ב סיון תש"ד

תנצב"ה

יהי רצון שזכות הרבים היוצא ע"י הקריאה בקונטרס הלזו יעזור ויגן ויושיע לכל העוסקים והמסייעים בהוצאת הקונטרס, שיזכו מתוך נחת והרחבת הדעת לראות בנים ובני בנים ברוכי, מזוני רויחי, וחיי אריכי, כל ימיהם לעולם אמן.

# ספר
# מאירת חיים

## דינים פון טבילה פארן דאוונען

### די דינים זענען פאר יעדן יחיד, בפרט פאר סופרים און שוחטים

מיר וועלן ציטירן איינציגע הלכות וועגן טבילה:

א סופר זאל זיך שטענדיג טובלען (הרמ״ז, תורת השלמים להחיד״א, קסה״ס סי׳ א׳, פת״ע לב, כ׳).

א) חציצה פסל׳ט נישט ביי די טבילה נאר אויב עס איז אויפן רוב פון קערפער (אשכול, בה״ל או״ח החדש, שע״ת פ״ח א׳ בשם מאמר מרדכי, יד שאול) ערב יום כיפור איז דער של״ה מחמיר (או״ח תר״ו, סק״ח), לכתחילה אויב עס איז נישט שווער איז אפשר ראטזאם פאר א סופר זיך צו טובלן אן חציצה, צ.ב.ש. אראפנעמען א פלאסטער א.ד.ג. בפרט אז צו תרומה און קדשים פסל׳ט חציצה (רשב״א יבמות מ״ז, מהרש״ם, שו״ת פאר ישע או״ח סי׳ כ״א) און טייל זאגן אז ווען עס איז געווען תרומה און קדשים האט צום דאווענען אויך געפסלט חציצה (יוסף דעת בהשמטות קצ״ח).

ב) היינטיגע צייטן וואס מקוואות זענען שכיח איז א גרעסער פליכט צו גיין אין מקוה ווי אמאל (פרהש״ד ח״ד סי׳ ב).

ווער רעדט נאך היינט וואס די מקוואות זענען צוגערישט מיט אלע באקוועמליכקייטן איז דער חוב נאך גרעסער בפרט פאר סופרים און שוחטים.

דער ישׁ״מ שרייבט אין די הנהגות מען זאל זייער שטארק נזהר זיין אין טבילה, צו לערנען און דאווענען בטהרה.

ג) טייל זאגן אז צו תפלה דארף מען היינט אויך טבילה (רה״ג, ורי״ף, עי׳ ב״י פ״ח).

ד) אנדערע זאגן אז כאטש דער בעל תפלה דארף זיך טובלן (שו״ת מן השמים, ב״י פ״ח).

יא) דער מנהג איז זיך צו טובלען דריי מאל (ס״ח שצ״ד, מ״א תר״ו, מט״א שם, רכ״ת יור״ד סי׳ ר׳, ועי׳ מעבר יבק שפת אמת פי״ג).

יב) שוחטים דארפן זייער געווארנט זיין אין די טבילה, טייל פסל'ן די שחיטה וואס מען האט געשחט'ן אן א טבילה (מרדכי ר״י חולין בשם אלדד הדני) לכה״פ ט׳ קבין דארף ער געווארנט זיין (דכ״ת סי׳ א, ס״ק לב בשם מנחת יוסף).

דאס שטייט ביי א שוחט וואס טוט צוגרייטן עסן כ״ש ביי סופרים וואס טוען הייליגע ארבעט.

יג) אין ספר מאור ושמש פ׳ אמור שטייט אז עס איז נישט מעגליך ער זאל באגרייפן ג־טס פארכטיגקייט נאר אויב ער איז נזהר אין טבילת עזרא, און אויב ער לערנט און דאוונט און ער איז נישט נזהר איז נישט מעגליך בשום אופן ער זאל דערגרייכן די תורה און מצות, אויב ער לערנט ספרי קבלה קען ער צוקומען צו אפיקורסות, די כת ש״צ ימ״ש זענען געווארן אפיקורסים דורך לערנען קבלה ספרים אום געטובל'ט, די צוויי גרויסע לייכט טורעמס דער בעש״ט הק׳, מיט ר״ר אלימלך זי״ע, וואס האבן באלויכטן דעם ריכטיגן וועג ערקלערנדיג אז מען טאר אפילו נישט טראכטן אין תורה ביז מען טובל'ט זיך נישט, ווייל די חכמי הגמרא האבן נישט מבטל געווען די טבילה נאר ווייל דאס כלל האט נישט געקענט נאכקומען דעם חומרא, אבער די מענטשן וואס ווילן משיג זיין גופי תורה און מצות דארפן זייער געווארנט זיין אין די טבילה (אזוי שטייט אין מאור ושמש).

איז דאך אודאי און אודאי ווען עס האנדלט זיך פון אזעלכע געוואלדיגע מצות ווי כתיבת תפלין מזוזות און ס״ת ווי מען האלט שטענדיג אין איין שרייבן הייליגע ווערטער מיט השי״ת'ס נאמען, וואס דארף זיין געשריבן בקדושה, נויטיגט זיך זיכער טבילה.

יד) מען דארף ארויסגיין (ביה״כ) פארן טובלען, אויב נישט דארף מען זיך נאכאמאל טובלען (מט״א תר״ו, הגרי״פ) טייל האלטן אז נאר זקנים און קראנקע דארפן חושש זיין (גליון הגרי״א אבדק״ק סוואליעווע בע׳ בי״צ על מגילה, כר׳ יוסי שכ״פ הרמב״ם האה״ט פ״ה, מובא בקצוה״מ רצ״ו ונח״א בשם מהרי״ב), טייל האלטן אז נאר עיוה״כ זאל מען חושש זיין (רא״י א׳, שלום ואמת כ״ב).

אנדערע האלטן אז מען דארף קיינמאל נישט חושש זיין (נחל אשכול א, א).

טו) זומער דארף יעדער זיך טובלען, ווייל נאר ווינטער האט מען מקיל געווען ווייל עס איז קאלט (תוס"ח כלל ג' פ"ב).

קומט אויס אז היינט וואס די מקוה און דאס פלאץ פון אנטאן איז גוט ווארעם איז א גאנץ יאר די זעלבע חיוב.

טז) דער וואס איז מחמיר צו נוצן דירעקט קוואל וואסער איז זוכה צו אריכות ימים (כפי הנ' בפשיטות לשון הירושלמי סו"פ מי שמתו ושוב מצאתי כן בשו"ת משנה שכיר ח"א סי' ע"ט ע"ש, ועי' ירושלמי פאה די"א דמים חיים לעיכובא).

טייל פוסקים הייסן לכתחילה נוצן קוואל וואסער (סי' יעב"ץ לדעת י"א, וכ"כ בהלל"מ) בפרט איינער וואס האט א לאנגע צייט זיך נישט געטובלט העלפט גארנישט נאר קוואל וואסער (תנא דבי אלי' רבה פט"ו, טה"ק מאמר מקוה ישראל פ"ב).

יז) אויב נישט קוואל וואסער דאמאלט זאל מען זוכן כאטש א געהעריגע מקוה פון פערציג סאה רעגן וואסער, אויב מעגליך (לחוש לבה"ג דצריך מקוה כשירה, מראה כהן פת"ע, שלום ואמת) דערצו וואס אנדערע האלטן אז די סגולה אויף אריכות ימים איז געזאגט געווארן אויך אויף רעגן וואסער מקוואות (חרדים שם בפי' הירושלמי, רש"י ברכות כב).

יח) עס איז מקובל פון צדיקים אז כשר'ע מקואות נישט שאובים העלפן צו די שוחטים צו שטעלן דעם חלף געהעריג, דערפאר האבן צדיקים חסידים און אנשי מעשה מיט די געהויבענע שוחטים מחמיר געווען נישט בודק צו זיין דעם חלף ביז נאך די מקוה, (טה"ק שם) דאס זעלבע קען זיין א נ"מ אויך ביי סופרים מיט זייער שרייבן.

יט) אויב מען האט נישט קוואל וואסער אדער רעגן וואסער איז כשר אויך שאובין (פשוט'ע וואסער פון סינק) דוקא אין א גריב אדער געשטעל וואס איז מחובר צו דער ערד (ב"י, מחה"ש, הגר"ז, ס' יעב"ז, תורה אור להגאון ר' חיים ברודא, מ"ב, וש"א) אבער ביי דעם איז נישטא די אויבנדערמאנטע סגולה פון אריכות ימים (ברכות כ"ב, ירושלמי פ' מ"ש, גם לחרדים).

כ) אויב עס איז מעגליך זאל מען כאטש זען דערצו אז די סינק וואסער זאל נישט אריינקומען פון די פייפס גראד אין מקוה, נאר עס זאל זיך צוען אויף דער ערד, אדער צימענט, אדער א זאך וואס האט נישט געהאט קיינמאל קיין טיטול

כלי, דורך א לענג פון דריי טפחים (כמ"ש בכלבו, הגהות סמ"ג, וריב"ש) וואס מיינט צוועלף אינטשעס (דרייסיג צענטימעטער) לכתחילה און בשעת הדחק צען אינטשעס (פיר אין צוואנציג צ"מ) איידער עס לויפט אריין אין מקוה (דלדעת כמ"פ כשרה מקוה כזו כמבואר בב"י יור"ד ר"א, ואפילו למה דקי"ל דפסולה, מ"מ הלא לדעת הד"ח בפתיחה למקואות שאובה שהמשיכוהו כולה כשירה מה"ת דלא כבע' אמרי א"ש, וכיון דטבילה זו עיקרו מד"ס, בפרט בזה"ז שבטלוהו לטבילותא קיל טפי ואולי לכ"ע כשירה, ואם לאו לכה"פ ירד לדרגת תרי דרבנן, וע"כ מיהות טוב וראוי לעשות כן).

די זאכן זענען א גרויסע נפקא מינה אין קאנטריס, צ.ב.ש.:

כא) אבער די שוחטים, סופרים ווי אויך צדיקים ואנשי מעשה האבן זיך אויף דעם נישט פארלאזט אויב עס איז געווען א ברירה, אפילו מען האט געמוזט ברעכן אייז (כידוע).

כב) אבער אויב מען האט נאר א כלי איז דא אן עצה מען זאל לעכערן די אונטערשטע טייל פונם כלי א שיעור שפופרת הנוד נאכדעם פארשטאפט מען עס (בערך 2 אינשטעס אויף 2 אינשטעס) (עי' בירורי המדות צד לב, ועי' בשו"ת מנחת יצחק ח"ה דיש נוהגין להחמיר בדריי אינשעס אבל לא נאמר בנידון שלנו כמובן, ואדרבה יש מקום להקל ואכמ"ל), און אריינלייגן פערציג סאה רעגן אדער סינק וואסער, און מען קען זיך טובלען אין דעם. (פ"ת פ"ח, דברי יחזקאל סי' י"ג), אנדערע פוסקים הייסן לעכערן כמוציא רמון און באפעסטיגן צו דער ערד, און נאכדעם פארשטאפן (שו"ת בית שלמה יור"ד סי' ר"ב).

כג) עס זענען דא אנשי מעשה וואס טוען די פראקטישע עצה אין קאנטרי, לכתחילה דארף מען נעמען א כלי וואס איז צוויי פיס ברייט, צוויי פיס לאנג, זעקס פיס הויעך, לויט ליטער מאס דארף זיין 798 ליטער (במהרש"ם ח"א קכ"א אליבא דמהר"ם שי"ק) אדער 840 ליטער (פרהש"ד ח"א קכ"ב) אדער 884½ ליטער (ברורי המדות) אדער 914 ליטער וג' דעצי (ש"ם ערך משירה) בפרט ווי די פוסקים שרייבן דארף מען לייגן מער ווי דער שיעור בהרחבה (תשב"ץ ח"ג, ל"ג, לחם ר"א סק"י) און טייל פלעצער איז געווען אנגענומען א גראדער שיעור פון 1000 ליטער.

אבער ביי אונזער מקוה וואס מיר רעדן איז בשעת הדחק גענוג 300 ליטער וואסער וואס מיינט 320 קווארט וואסער, (שו"ת דברי יחזקאל סי' י"ג).

ה) דער יעב"ץ זאגט אז דער וואס טובלט זיך הייסט א צדיק (שלו"א ג׳) דעריבער איז אויך נויטיג אז דער סופר זאל זיך טובלען, כדי ער זאל שרייבן פרשיות ווען ער איז אין מדריגה פון "צדיק" (טהרת ישרים כלל ב׳).

ו) דער כוזרי שרייבט (מאמר כ׳ סי׳ ס׳) אז דער וואס איז א העכערער גייסטיגער מענטש, שפירט אן ענדערונג ביי זיך ווילאנג ער האט זיך נישט געטובלט (הג"ה מהרש"ם בערזאן).

ז) דער קדוש מסטרעליסק זצוק"ל האט זיך פארקלאגט אז אויב זיין פאטער וואלט כאטש איינמאל זיך געטובלט איידער ער איז געבוירן וואלט זיין עבודה אנגעקומען סאך גרינגער און אלע טויערן וואלטן אפן געווען פאר אים (עשר אורות), ק"ו ביי א סופר וואס דער מבי"ט שרייבט אין הקדמה פון זיין ספר דאס די מאס קדושה פון די פרשיות איז אפהענגיק אין וויפיל קדושה דער סופר לייגט אריין ביים שרייבן, זעלבספארשטענדליך אז די פרשיות וואס ווערן געשריבן געטובלט ענטהאלטן פיל מער קדושה ווי אהנע טבילה (שם).

ח) סופרים וואס זענען זיך נוהג צו טובלען ווערט דאס ווי א נדר (ועי׳ היטב שו"מ מה"ג ח"א סי׳ קכ"ג, ובתוס"ח כלל ג׳ סקפ"ב, תהל"ד סי׳ פ"ח, פרהש"ד ח"ד ב׳, שו"ת חסל"א סי׳ י׳, רו"ח בכח"ת פ"ח, ד׳, יד יצחק קכ"ט, שלו׳ ואמת ד׳) און טייל זאגן אז עס העלפט נישט קיין היתר (ע"ש).

ט) טייל זאגן אז די גאולה איז אפהענגיק אין די שליחי ציבור וואס טובלען זיך פארן דאווענען (שו"ת מן השמים סי׳ ה׳, מובא בב"י, וע"ע שו"ת לבוש"מ אות י"ט שהחזיק בזה).

דאס זעלבע קען מען זאגן ביי סופרים אז זיי זענען בבחינת שליח ציבור, ווייל זיי זענען די שליחים פונעם כלל ישראל צו שרייבן תפלין, מזוזות, און ס"ת (שם).

נאך קען זיין אז עס איז אויך וויכטיג דאס דער שליח ציבור זאל טראגן תפלין וואס זענען געמאכט דורך א סופר וואס האט זיך געטובלט (ואם שגיתי ד׳ הטוב יכפר בעדי) (שם).

י) די וואס זענען עולה צו די תורה דארפן זיך טובלען (ס׳ יעב"ץ) דעריבער קען זיין אז דאס זעלבע איז וויכטיג אז דער ס"ת האט מען געשריבן נאכן טובלען (שם).

כד) אבער זוחלין איז פסול (זכרון יהודה סי' ס"א, מחזה אברהם ח"א, דלא כערוה"ב), אויב מען האט גארנישט אנדערש זאל מען כאטש דאס נוצן (דהרי לד' ערוה"ב יוצאין בזה וק"ל).

כה) עס איז דא וואס פירן זיך אויב זיי האבן קיין שום מקוה נישט, נוצן זיי ט' קבין, דער סדר פון דעם ווערט געברענגט באריכות אין מטה אפרים סי' תר"ו סעי' י"א־טז כה"ח, ובא"י או"ח החדש סי' פ"ח, זעה דארט.

כו) די פוסקים זאגן אז מיט א שויער קען מען אויך יוצא זיין ט' קבין (שו"ת צור יעקב, קונ' שארית יעקב סי' ט' ושו"ת מנחת יצחק), די וואסער דארף לויפן מיט שטרוים נישט א טראפ נאך א טראפ (שם),טייל זענען מחמיר (שו"ת משנה הלכות, שו"ת באר משה, לכתחילה).

כז) דער שיעור איז לכתחילה 24 קווארט, בשעת הדחק 18 קווארט (מט"א תר"ו, ע"ש באלף המגן) לויטן שינעווער רב זצ"ל (דב"י סי' י"ג) מיינט דאס לכתחילה דארף זיין $22^{6}/_{10}$ ליטער, בשעת הדחק איז בערך 17 ליטער אויך גענוג (ועי' היטב בס' בירורי המדות מע' משורה או' ק' ס"ה, ס"ו) אבער אויב מ'האט דאס אויך נישט קען מען זיך פארלאזן אויפן דברי יחזקאל (שם) אז 11 ליטער מיט 2½ דעצי איז אויך גענוג (שלום ואמת או' ל"ד).

כח) בפרט היינט אויב מען האט נישט קיין ברירה און מען נוצט ט' קבין דורך נעמען א שויער, דארף מען זיכער נישט קארגן און גיסן בריוח.

כט) טאמער האט מען איינס פון צוויי ברירות 40 סאה אין א כלי, אדער ט' קבין, איז בעסער 40 סאה אין א כלי (פ"ת סי' פ"ח, ובשלום ואמת כ"ה, העיר דהרי בנח"א, וד"ח מקילין בכ"ע אף בכלי, כ"ש דעדיף מט' קבין, ע"ש).

ל) די טומאה איז קענטליך אויפן שטערן ווילאנג מען טובלט זיך נישט (האריז"ל כה"ח פ"ח, ה').

לא) אפילו דער וואס איז מקפיד צו טובלען זיך זאל נישט מבטל זיין וועגן דעם תורה און דאווענען (ראשית חכמה שער אהבה פי"א, יוש"ה ליל שבת, פת"ע, שלום ואמת לא, וכ"נ בכה"ח בשם האריז"ל סי' ר"מ, הנהגות הגה"ק בעל יש"מ ני' הוספות מהרצ"א לסור מרע ועשה טוב).

לב) אויב איינער קען נישט רעדן דברי קדושה זאל ער כאטש מהרהר זיין (פר"ח ופמ"ג סי' פ"ח) און אזוי האט זיך געפירט הגה"ק מהרצ"א מדינוב (שם).

לג) טייל זענען אבער מחמיר אפילו אויף הרהור (עי׳ לעיל אר׳ י״ג).

לד) אבער מבטל זיין זמן קר״ש אדער תפלה טאר מען זיכער נישט וועגן דעם (פמ״ג, יעב״ץ, מ״ב. ובענין אם יכול לסמוך על שעות שוות כדי שיוכל לטבול עי׳ שלחן מלכים עמ׳ ל״ו אר׳ ל״ה).

לה) אפילו תפלה מיט מנין טאר מען נישט מבטל זיין וועגן טבילה (מ״ב סק״ב). אנדערע האלטן אבער, אז עס איז בעסער צו דאווענען ביחידות בטהרה ווי בציבור אן זיך טובלען (משמרת שלום מקאיידינוב, וכ׳ על המ״ב דח״ו להורות כן ע״ש). און אזוי פירט זיך די וועלט (הלל״מ כ׳).

לו) עס איז א פליכט צו זען עס זאל זיין א ווארימע מקוה יעדן טאג, און דער וואס טיט אין דעם איז מאריך ימים (יעב״ץ, הלל״מ).

לז) דער בעש״ט הק׳ האט געווארנט אז אפילו ביי א גרויסן אונס זאל מען זיך טובלן כאטש איין מאל (שלחה״ט מקאמארנא פ״ח). אזוי שרייבט אויך הגה״ק מקאיידינוב (משמרת שלום סי׳ ב׳ א׳) מיר האבן מקובל פון בעש״ט אז ווען מען דארף גיין אין מקוה און מען טובלט זיך איין מאל וועט עס נישט שאדן).

לח) דער וואס טובלט זיך אפילו היינט איז מקיים א געהעריגע מצוה פון די תורה (אוצר החיים להגה״ק מקאמארנא פ׳ מצורע) און זיין זעהל ווערט געלייטערט (שם בשם החינוך). אויך ווערט דאס פארעכנט אין הימל ווי געפאסט איין טאג (רחמי האב).

לט) אין ס׳ לב שמח שטייט אין נאמען פון הצה״ק מהר״ש מבעלזא זצוק״ל אז א ת״ח איז גרינג זיך צו פארקילן דורך זיין שוואכקייט דעריבער זענען די חז״ל מעיד (ברכות כ״ב) אז דער וואס גיט אכטונג איז מאריך ימים, עהנליך צו דעם שטייט אין שו״ת ערוגת הבשם (או״ח סי׳ י״ט), דער מנחת שבת (סי׳ ע״ב אר׳ ס׳) שרייבט אויב מענטשן שרעקן אפ אז פון א קאלטע מקוה קען מען קראנק ווערן איז שקר, און אפילו מ׳זעהט יא, כו׳ ע״ש.